

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' אחרי
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ב

**פראגע**

## איז דא א מצוה צו זיין בשמחה?

**ענטפער:**

**אויסדרוקליך!** עס שטייט אין פסוק (קהלת ט, ז) **"לך אכול בשמחה את לחמך"** – גיי עס דיין ברויט מיט שמחה, **"ושתה בטוב לב את יינך"** – און טרונק מיט א גוט הארץ דיין וויין. דאס מיינט: זיי פרייליך מיט דיין עסן און טרונקען.

דער פסוק פירט אבער אויס **"כי כבר רצה אלקים את מעשך"** – ווייל דער אויבערשטער האט מקבל געווען דיינע מעשים. דאס מיינט: ווען א מענטש טוט עפעס אויף אין לעבן – ער דינט דעם אויבערשטן, ער לעבט אן ערליך אידיש לעבן – דאן איז ער בארעכטיגט צו שמחה. און ער איז מחויב צו זיין בשמחה, ווייל שמחה איז א מקור פון ענערגיע וואס וועט אים העלפן דינען השי"ת.

ווען דעם איז עס אן עבירה ארייננצופאלן אין יאוש, אין דעפרעסיע. עס איז אויסדרוקליך אן עבירה פאר א מענטש זיך צו צעשניידן זיין פינגער. ער האט נישט קיין רעכט "לחבול בעצמו" – זיך אליינס צו שעדיגן. און **עצבות איז א פארעם פון זעלבסט-שעדיגונג.**

יעצט זאגט נישט "איך בין דעפרעסט. עס איז נישט מיין שולד." ווייל אנהייב איז עס יא דיין שולד. אודאי, איינמאל מען פאלט אריין טיפער און טיפער אין עצבות דעמאלטס איז צומאל ח"ו זייער שווער ארויסצוקומען. עס קען זיין אז ווען מען איז שוין דארטן טיף איז מען א קרבן צום מצב און דער מענטש האט נישט קיין קאנטראל, אבער פון אנהייב פון די דעפרעסיע איז עס יא געווען די אייגענע שולד.

עס איז אזוי ווי שלוקעצן. שלוקערצן מוז מען אפשטעלן גלייך ביים אנהייב. האלט איין דיין אטעם ווילאנג די שלוקעצן שטעלט זיך אפ. ווייל אויב מען לאזט עס אנגיין קען עס צומאל אנקומען צו אן אטאקע און עס קען צומאל אנהאלטן פאר עטליכע טעג. עס איז א טראגעדיע; אסאך מאל דארף מען צוקומען צו אן אפעראציע עס אפצושטעלן. ס'איז א גוטע עצה, ווי נאר די שלוקעצן הייבט זיך אן, האלט איין דיין אטעם ביז עס שטעלט זיך אפ. ווארט נישט ביז עס ווערט ערגער.

די זעלבע איז מיט דעפרעסיע. די צייט צו דערשטיקן א דעפרעסיע איז ווען עס איז נאך יונג, גלייך ביין אנהייב.

וועגן דעם דארף א פרומער איד אלעמאל זיין אויפגעהייטערט. מען דארף טון אלעס וואס מען קען אנצוהאלטן די שמחה. עס איז א מצוה. ווייל אזוי וועסטו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט תפלה, מיט תורה, מיט מעשים טובים, אלעס פון די שמחה וואס האט דיר געגעבן די ענערגיע צו טון די אלע גוטע זאכן! מיר דארפן האבן אלע כוחות אויף וואס מיר קענען נאר לייגן א האנט, וואס זאל אונז העלפן אין עבודת ה'. און שמחה איז ענערגיע.

דעריבער, עס און האב הנאה פון די עסן; האב הנאה פון שלאפן. שטיי אויף אינדערפרי, "אה! איך בין געשלאפן א זיסע שלאף ביינאכט." דאנק השי"ת פאר דעם! יעדע זאך וואס דו טוסט, פרוביר ארויסצונעמען שמחה דערפון בשעת מעשה, פארדעם אדער נאכדעם. טראכט צוריק און האב הנאה פון זאכן וואס דו האסט שוין געהאט. ווען דו ענדיגסט א מאלצייט, טראכט צוריק און נעם הנאה פון דאס וואס האסט געגעסן. "אה! א גוט שטיקל ברויט! א גוט שטיקל פיש!" – סיי–וואס דו האסט געגעסן – און פרוביר נאכאמאל צו שפירן דעם תענוג און דאנק דעם אויבערשטן פאר די הנאה.

טרעף שמחה איבעראל ארום דיר, ווייל די וועלט איז געבויעט פאר שמחה. אונזער עקשנות, אונזער

התנגדות, מאכט אז מיר זאלן עס נישט אנערקענען. די אמת איז א די נאטור איז אויספלאנירט צו סטימולירן שמחה. אפילו קוקן אויף א בוים ברענגט נאטורליך שמחה. און מענטשן דארפן זיך אויסלערנען צו רעאגירן נאטורליך צו די זאכן וואס רייצט אן שמחה.

עס איז זיכער א מצוה אלעמאל צו זיין בשמחה. (#584)

## פראגע

**עס איז דא א מאמר אין די גמרא** (כתובות ק"י:) **"כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה" – יעדער וואס וואוינט אין חוץ לארץ איז אזוי ווי ער האט נישט קיין ג-ט. קענט איר מיר עס ערקלערן?**

## ענטפער:

**דאס** איז א מאמר פון אגדתא, און ס'איז אן אופן פון אויסדרוק. און **עס מיינט נישט הייּנט-צו-טאגס**. עס רעדט פון די צייט ווען ארץ ישראל איז געווען די הויפט פלאץ פון תורה.

ווען א מענטש וואוינט אויף א פלאץ פון תורה, אין א פלאץ פון קדושה, און ער לאזט איבער דאס פלאץ און גייט וואוינען ערגעץ אנדערש, מיינט עס אז ער פארלירט א חלק פון זיין נאנטקייט מיט'ן אויבערשטן.

דער אמת איז אז אויב א מענטש האט איבערגעלאזט בבל אין די צייט ווען בבל איז געווען ביי איר שפיץ, ווען עס איז געווען א פלאץ פון תורה אין די צייטן פון רבא, און ער האט זיך באזעצט אין א צווייטע פלאץ, האבן זיי אים געלייגט אין חרם! עס איז געווען א מענטש וואס האט איבערגעלאזט פומבדיתא און האט זיך באזעצט ערגעץ ארויס פון די געגנט, און זיי האבן אים געלייגט אין חרם.

ווייל מ'טאר נישט איבערלאזן א פלאץ וואו מען קען שטייגן אין תורה, וואו מען איז נאנט צום אויבערשטן, און גיין זיך באזעצן אין די שטעטלעך צווישן גוים און האלבע-אידן און פערטל-אידן אדער דריטל-אידן! מען דארף וואוינען נאנט צום אויבערשטן! נאנט צום אויבערשטן מיינט דארט וואו עס וואוינען עכטע אידן! און וועגן דעם הייסט עס ווי מען פארלאזט דעם אויבערשטן.

אויב א מענטש גייט קיין ארץ ישראל און ער באזעצט זיך אין תל-אביב, וואלט געווען פיל בעסער ווען ער בלייבט אין בארא פארק, וויליאמסבורג, אדער אפשר פלעטבוש.

איך האב אמאל גערעדט צו א ראש ישיבה. מיר האבן גערעדט וועגן גיין קיין ארץ ישראל, און ער האט געזאגט "עס ווענדט זיך וואו מען גייט!" סתם גיין קיין ארץ ישראל אן קיין אדרעס? עס האט נישט קיין פשט! מען דארף וויסן וואו מען גייט! אז נישט איז עס ווי מופן קיין שיקאגא.

במילא, דער פראבלעם פון איבערלאזן ארץ ישראל איז נאר ווען ס'איז ארץ ישראל! ווען מען נעמט נישט קיין מיידלעך אין מיליטער. אויב נעמט מען אין ארץ ישראל מיידלעך אין מיליטער, לויף אוועק פון דארט!

אויב אן עלטערער מענטש גייט קיין ארץ ישראל, כדי די דאקטוירים זאלן קענען אויפשניידן זיין קערפער נאך זיין טויט און ווארפן זיינע קישקעס אין מיסט-קאסטן, לוינט זיך עס נישט! ענדערש צו שטארבן דא און גיין צו א טשאפעל אויף קאני-איילענד עווענו. אפילו אן אומרעליגיעזע טשאפל וועט נישט אוועקווארפן די קישקעס אין מיסט-קאסטן אויב מען בעט זיי.

אבער דארט וועט גארנישט העלפן! די דאקטוירים לאכן דיר אין פנים. אפילו מען לאזט איבער א לעצטע ווילנטש און עדות אז מען זאל נישט טשעפען די קערפער, לאכן זיך די דאקטוירים אויס.

אין וועלכע לאנד איז דען אזוי ליבעראל ווי מדינת ישראל? ס'איז די מערסט-ליבעראלע מדינה!

אלזא, וואוינען אין ארץ ישראל ווען ס'איז געווען ארץ ישראל, דאס האט אודאי געמיינט צו זיין נענטער צו השי"ת, און דעמאלטס האט געמיינט זיך אוועקציען פון דארט אז מען ציט זיך אוועק פונעם אויבערשטן. (#179)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
מיר ספר
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט און אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב